# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn



**Title**
Der Neyder (The Vow )

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/2wq6k897

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)



**Author**
Shklyar (Shklar), Moyshe (Moshe)



**Publication Date**
1979-09-01

Peer reviewed



eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

משה שקליאַר

# דער נדר

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע)

פּאַוואָלינקע האָט שמעון שמיד ווי אויפגעטייעט.
צי זאָל עס זיין די זון פון רוים, איטאַליעס הויפטשטאָט,
וואָס האָט געשמייכלט אין די אויגן און געסטייעט
פאַר יעדן, וואָס אויף אַלטער ערד געשטעלט אַ טראָט האָט?
דער זומער איז געווען דעמאָלט ביז גאָר אַ הייסער,
געהאָנגען איז אַ שטויב און האָט ווי אַלץ פאַרטריקנט.
קיין זאַך האָט נישט דערמאָנט אין לאַנד דאָרט ביי דער ווייסל,
דער טיבער אפשר בלויז מיט די געשניצטע בריקן.
אינצווישן אָט די בריקן פלעגט ער גערן בלאָנקען,
ביז ערגעץ־ווו אין געסלעך קרומע זיך פאַרלירן,
גלייך ווי אַמאָל אין שטעטל אויף די לאָנקעס —
נאָר דאָרט האָט ער געוווסט וווהין די וועגן פירן...
ער ווייסט נישט, שמעון, צי אַ צופאַל צי אינסטינקט גאָר,
האָט איין מאָל אים געבראַכט אַהער אויף שפורן אַלטע
פון יידן־געטאָ, וואָס האָט אויסגעזען פאַרזונקען,
וייט פון שטאָטישן גערויש, ווי אויסבאַהאַלטן.
און שטיל איז דאָ געווען, אַז ר'האָט געקאָנט דערהערן
אין גאַנג פון אייגענעם טראָט דעם ווידערקול פון צייטן,
ווען יידן פלעגן נאָך אין הייזקעס דאָ זיך מערן
און אין פאַרפאָלגטער דור פאַרביטן האָט אַ צווייטן.

---

...„קום, זעץ זיך אין שליטן צווישן אונדז,
מיר זיינען קלעזמער,
דעם ניגון פון דער וועלט שפּילן מיר.. "

דאָס, הייסט עס, איז דער זין און דער גאַנצער אַנהאַלט? און אפשר איז עס אויך דער שליסל צום עפענען און דעשיפרירן די פאַנטאַסטישע שטערן־אותיות וואָס שוועבן אַרום פאַרהוילענע מיטן ווייסן וואָלקן־פערד אונטערן פאַרנעפּלטן הימל וואָס איבער זיין קוואַליקן ברונעם אין הויפישן גאָרטן, צווישן די צעבלעטערטעביימער אין די נאַכטישע לאַנען, ווו ער הערט דאָס פאַרצאַפּלטע קול פון זיין מאַמען:

...„יאַנקעניו, קינד מיינס, נאָך צוועלף שוין, חצות...
וואָס טוסטו אין מיטן נאַכט אין נאַסן גראָז?"

* * * * *

מיט דעם אויבן געזאָגטן און ציטירטן האָבן מיר בלויז מיט אַ קליין לעפעלע אַ שעפּ געטאָן פון דעם שפּרודלדיקן קוואַל פון יעקב פרידמאַנס שאַפן. מיר האָבן נישט אָנגערירט די ישראל מאָטיוון זיינע, די גרעסערע פּאָעמעס און דראַמאַטישע געשטאַלטן מיט זייערע ווונדערלעכע זע־אונגען, וואָס עפענען אַ פענצטער צו זיין פאַנטאַסטיש קינסטלערישער וועלט. מיר האָבן זיך דאָס מאָל באַנוגנט בלויז מיט דעם כדי צו וועקן דעם חשק ביים לייע־נער, אַליין אַריינצוגיין אין יעקב פריד־מאַנס פּאָעטישן הויף און זיך לאָבן מיט די אויסטערלישע פירות וואָס געפינען זיך דאָרט.

איצט שטייען זיי, די הייזקעס, האַלב שוין איינגעפאַלן
און שאָטנס קוקן דורך צעבראָכענע וויטרינעס.
נאָר שמעון לייענט פון די ווענט, ווי פון אַנאַלן,
ווי ס׳איז פאַרקריצט אויף יעדן בלאַט די יידן־שנאה.
געווען איז עס דער זעלבער האַס, וואָס האָט געדויערט
יאָרהונדערטער שוין לאַנג אין אַלע פאָרמען,
פון זינט דער מיצרי האָט אויף אונדזער קינד געלויערט,
ביז היטלערס קאַלקאויוונס און די ספּעציעלע נאָרמעס...

צי האָט ער, שמעון, אַזש געדאַרפט קיין רוים דאָ קומען
און אין די אַלטע געטאָ־געסלעך זיך פאַרהילן,
אַז ס׳זאָל אים קלאָר ווערן וואָס ר׳האָט שוין לאַנג באַנומען
מיטן שכל בלויז, נאָר נישט מיט די געפילן?
און איצט האָט ער געפילט, געפילט אין יעדן אבר
דעם דורותדיקן שטראָם, וואָס שוין געהאַט פאַרלוירן,
ווי אַרויס וואָלט ער דאָ פון אַ ברודער־קבר
און טראָגט אין בלוט זיינעם דעם גאַנצן ציבורס גורל,
און פּלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט דעם טאַטנס אָנזאָג,
וואָס איז שוין לאַנג געהאַט אַרויס אים פון דעם זינען,
און צעקלונגען האָבן זיך די ווערטער ווי אַ גלאָק —
געדענק, פון דורות יידן־שמידן שטאַמסטו, שמעון!
ווי האָט ער זיי געקאָנט פאַרגעסן, אָט די ווערטער,
און גאָר דעם אַלטן טאַטנס נאָמען — שמיד — פאַרשעמען?
ווייזט אויס, אַז לכתחילה איז געווען באַשערט אים
צוריק אויף זיך דעם גורל יידישן צו נעמען...

פאַרטאָן אַזוי אין די פאַרשיידנסטע מחשבות,
האָט שמעון צו אַ שולעכל אַ קליינס דערלאַנגט זיך,
און אים געדאַכט האָט, אַז ער זעט דאָ זיינע אָבות
און ס׳טראָגט צום אים פון תפילות זייערע דער קלאַנג זיך.
נאָר פּוסט און לער געווען איז דאָרטן אינעווייניק,
דער דיל, דער באַלקן און די בענק האַלב איינגעבראָכן,
געשטאַנען בלויז דער אָרון־קודש איז נאָך שייניק,
ווי ער דערמאָנט וואָלט דאָ אין נצח און נצחון.
און שמעון האָט פאַרטראַכט זיך וועגן אָט דעם וווּנדער,
וואָס האָט דעם גאַנצן גאַנג פון יידן־פאָלק פאַרשפּיגלט:
געפּייניקט און געפלאָגט יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט,
זיין גייסט האָט זיך אַרויסגעהויבן ווי אַ היגל,
נישט אומגעוואָרפן דורך קיין שטורעמס און געוויטערס,
האָט אויסגעדויערט, איבערגעדויערט און כסדר

געשטאַנען שטאָלץ און וואַכיק ווי אַ טרייער היטער
פון סאַמע ערשטן ביזן סאַמע לעצטן נדר.
און טאַקע דאַ, אין אַט די געסעלעך די אַלטע,
האָט שמעון שמיד אַליין אַ נדר זיך געגעבן —
אַראָפּוואַרפן פון זיך די פרעמדע אים געשטאַלטן
און אָנהייבן פון שורש אָן זיין אייגן לעבן.

גאַנץ פרי צומאָרגנס איז ער נאָך אַמאָל געגאַנגען
צום חרובן ראַמאַנום-פאָרום, ווו דער טויער
פון טריומף פאַר טיטוס וועספּאַזיאַנוס איז געשטאַנען,
און ער האָט אויך דעם האַרבן צייט-צאָן אויסגעדוירט.
געקוקט האָט שמעון אויף אים איצט אינגאַנצן אַנדערש,
ווי ס'וואָלט די אויגן דאָ באַהעלט אַ נייע שיין אים.
ער האָט געזען אויף וועגט פאַרקריצט דעם לאַנגן וואַנדער
פון יידן-שקלאַפן נאָך דעם חורבן פון בית-שני,
און אים האָט זיך געדאַכט — אויף זיינע פיס די קייטן
פאַרשמידט זענען און ווי אַמאָל זיי קלינגען, קלינגען...
און ס'טרייבן אים די בייטשן פון די רוימער-רייטער,
און פון המון אַ ווילדן ר'איז אַרומגערינגלט.
נאָר פלוצעם האָט דאָס האַרץ ביי אים געטאָן אַ צאַפּל,
זיין אויג האָט אויפגעכאַפּט אָן אויפשריפט אויף דער וואַנט דאָרט
און ליכטיק איז געוואָרן אים אין די שוואַרצאַפּלס.
אַ געהיימע האַנט האָט אויסגעציקלט וואָרט ביי וואָרט
מיט קרייד, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט דורך צייט פאַרמעקן:
„עם ישראל חי!" — ער האָט געלייענט נאָך אַמאָל
און נאָך אַמאָל און יעדעס וואָרט האָט אויפגעוועקט אים,
ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעוויקלט פון אַ שלאָף,
וואָס האָט אים לאַנג געהאַט פאַרוויקלט און פאַרפּאַנצערט.
ס'איז פון אים אַראָפּגעפאַלן איצט דער טיפער צער
און ער האָט זיך דערפילט צוריק אַ גאַנצער,
אַליין פון לעבן אייגענעם דער קנעכט און האַר!

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו-יאָרק.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר

לילי בערגער / פּאַריז

# פון באַרג אַרויף ביז טיף באַרג אַראָפּ

(וועגן אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַנס „אויף וועגן און אומוועגן", באַנד 2)

מיר האָבן לאַנג געוואַרט אויפן צווייטן באַנד פון אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַנס ברייט פאַרמאָסטן ווערק, וואָס זי האָט אונטערגענומען מיט אַ סך יאָרן צוריק אין דער פאָרם פון מעמואַרן און אונטערן טיטל „אויף וועגן און אומוועגן". דער איצטיקער באַנד אין יידיש איז פון לאַנג שוין דערשינען אין עברית און אויב כ'האָב קיין טעות נישט איז שוין אין ישראל דערשינען אין עברית אַדער דאַרף איצט דערשיינען אויך דער דריטער באַנד און טראָגן אַלע צוזאַמען דעם נאָמען „נפתולי דרכים". און ווי מיר איז באַ־באַקאַנט איז אויך דער פערטער באַנד שוין גאָר ווייט אין דער אַרבעט און וועט מסתמא אין גיכן אָפּגעגעבן ווערן אין דרוק.

דער ערשטער באַנד פון „וועגן און אומוועגן" האָט אַרומגענומען דער מחברינס קינדער־יאָרן און די יידישע שטאָט טשענסטאָכאָוו, די פריע יוגנט און דאָס יידישע לעבן אין איר געבוירן־שטאָט, שפּעטער וואַרשע, וווּ זי האָט געאַרבעט ווי אַ „צישא"־לערערין און איינצייטיק אַקטיוו געווען אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ביז דעם יאָר 1926, ווען אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן האָט זיך מיט ענטוזיאַזם געלאָזט קיין סאָוועט־רוסלאַנד. דורך דער פּריזמע פון איר אייגן לעבן האָבן מיר באַקומען אַ ברייטן, פילפאַרביקן פּרעסקאָ פון אַ גאַנצער עפּאָכע, אַ קווערשניט פונעם יידישן לעבן פון יענער צייט אין פּוילן און אויך אַ קלאָרע פאַרשטעלונג פון דעם וואָס ס'איז געווען אין יענעם פּעריאָד די פּוילישע קאָמוניסטישע באַוועגונג און דער עיקר וועגן דעם אָרט פונעם יידישן קאָמונוסט אין דער דאָזיקער באַוועגונג.

מיר איז שוין אויסגעקומען צו שרייבן וועגן ערשטן באַנד און צו אַנאַליזירן דעם באַזונדער אינטערעסאַנטן זשאַנער פון אָט די מעמואַרן. וועל איך דעריבער מיך נישט איבערחזרן נאָר בלויז צוגעבן, אַז דער צווייטער באַנד מעמואַרן איז אַזוי גוט ווי דער ערשטער באַנד געשיכטע פאַרשפּינט צוזאַמען מיט קינסטלערישער שילדערונג. די מחברין ברענגט אַרויס, געשעענישן, סיטואַציעס, פאַקטן, עפּיזאָדן מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ היסטאָריקער, מעסטנדיק זיי מיט אַ וויסנשאַפטלעכער מאָס, מיט אַ וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג און דאָס וווּנדערט מיך נישט, ווייל אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן איז לויט איר פּראָפעסיאָנעלער פאָרמאַציע אַ וויסנשאַפטלערין; זי האָט אַ סך יאָרן געאַרבעט ווי אַזעלכע אין אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור אין קיעוו. די מעמואַרן זיינען אָבער ווייט פון טרוקענער „היסטאָרישקייט", פון באַריכטמעסיקייט. די סיטואַציעס, צומאָל גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, די פּערסאָנאַזשן, די מענטשלעכע דראַמען זיינען געשילדערט מיט אַ סך קינסטלערישער עמפּינדלעכקייט, דאָ און דאָרט מיט דינעם הומאָר, וואָס די פראַנצויזן רופן שוואַרצער הומאָר. היסטאָרישע פּינקטלעכקייט און קינסטלערישע בילדערישקייט, דראַמאַטישע שפּאַנונג, טראַגיזם און הומאָר פאַרפלעכטן זיך צוזאַמען און שאַפן אַ ברייטן, קאָלירפולן פרעסקאָ פון אַ גאַנצן היסטאָרישן פּעריאָד מיט זיין באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, מיט זיינע דערהויבנקייטן און געפאַלנקייטן, מיט ליכטיקע אויפגאַנגען און פינצטערע אונטערגאַנגען.

אַלע בענדער צוזאַמען וועלן אַרומנעמען כמעט דריי פערטל יאָרהונדערט פון געשיכטלעכן ברויז, פון יידישע שווערע ראַנגלענישן. דער איצטיקער באַנד איז דער קיעווער פּעריאָד, דער צייט־אָפּשניט אָנהייבנדיק פון 1926, ווען אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן, אַ יונגע ענטוזיאַסטישע קאָמוניסטקע איז געקומען אַהער לערנען

און אַרבעטן און דער עיקר העלפן... בויען
דעם סאָציאַליזם; די געשעענישן ציען
זיך כמעט ביז דער מלחמה און עס דער־
גייען שוין צו אונדז אויך אָפּקלאַנגען פון־
נעם יידישן חורבן אין לאַנד פון די האָפע־
נונגען פון נאָך דער מלחמה. אויף קאַרגע
400 זייטן שפּרייטן זיך אויס פאַר אונדז
בילדער אימאַזשן פון אויפבלי און פאַר־
ניכטונג. עס דערשיינען פאַר אונדז צענד־
ליקער און צענדליקער געשטאַלטן מיט
זייערע אויטענטישע נעמען, היסטאָרישע
פּערזענלעכקייטן מיט זייערע טואונגען
און טראַכטונגען, אין זייערע דראַמאַטישע
ראַנגלענישן, און אין זייער טראַגישן אומ־
קום, אָדער אין בעסטן פאַל אָפּגעוואָרפן
אויפן ראַנד פון לעבן. די טראַגיש־פאַר־
שניטענע איז געווידמעט דער איצטיקער
באַנד, ממש אַ מצבה אויף זייערע אומ־
באַקאַנטע קברים. „מיין בוך — לייענען
מיר אין אַ קורצער הקדמה — איז אַ פּרווו
פון אַ באַשיידענעם נר־תמיד פאַר די לע־
רערס, וויסנשאַפטלערס, קינסטלערס, און
אַלע אַנדערע, וועלכע האָבן מיט מסירת
נפש געבויט די ייִדיש־סאָוועטישע קולטור,
זייענדיק איבערצייגט, אַז זיי דינען דעם
אייגענעם פיל־געליטענעם פאָלק, און זיי־
נען צוזאַמען מיט אַלע זייערע אופטוען
בהדרגה פאַרטיליקט געוואָרן דורך דער
סאָוועטישער מאַכט.“

* * *

אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן איז באַ־
שערט געווען צו זיין אַן אַקטיוו מיטבאַ־
טייליקטע אין דער בוינג פון דער יידיש
סאָוועטישער קולטור און אַן עדות פון איר
פאַרניכטונג. זי האָט דאָרט געלעבט 32
יאָר און דאָס רוב יאָרן געלערנט און גע־
אַרבעט אין קיעוו, אין דעם גרויסן יידישן
צענטער, ווו עס זיינען אין יענע אָנהייב
יאָרן אַנטשטאַנען אַ נעץ יידישע שולן,
ביבליאָטעקן, קלובן און דער איינציקער
אין זיין מין „אינסטיטוט פאַר יידישער
קולטור“ צו וועלכן ס'האָבן געצויגן וויסנ־
שאַפטלער, פאָרשער, סתם דורשטיקע נאָך
וויסן פון גאַנצן לאַנד. ניין, נישט אַלץ
איז אויך אין יענע יאָרן געגאַנגען גלאַטיק.
די מחברין דערציילט ווי אַזוי ביי אירע
ערשטע טריט אויף דער סאָוועטישער ערד
האָט זי זיך כסדר אויסגעגליטשט, באַ־
נוצנדיק נישט פּאַסנדיקע ווערטער, דער־
ציילנדיק אויף פאַרזאַמלונגען נישט ביי־
טיקע זאַכן און גיך האָט זיך די יונגע ענ־
טוזיאַסטקע געכאַפּט, אַז מען טראַכט אַנ־
דערש און מען רעדט אַנדערש, און אַוודאי
שוין שרייבט מען אַנדערש ווי מען רעדט
אין דער שטיל. משה ליטוואַקאָוו, למשל,
האָט אין זיין פאַרמאַכטן ביוראָ אַרויסע־
וויזן פאַר איר אַ וואַרעמע, פּאָזיטיווע באַ־
באַציונג צו די „צישאָ“־שולן אין פּוילן,
אָבער דאָס אַרטיקל וואָס זי האָט אָנגע־
שריבן פאַר זיין צייטונג האָט ער אַזוי
צוגעפּראַוועט אָן איר וויסן, אַז די יידישע
שול־באַוועגונג זאָל אַרויסקומען געמאָלן
אין די שוואַרצסטע פאַרבן.

אָבער וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דאָס
אַלץ, ווען עס עפנט זיך פאַר דיר אַ נייע
וועלט מיט ברייטע מעגלעכקייטן צו שאַפן,
צו בויען, צו אַרבעטן פאַר דער אויפ־
לעבונג פון אייגענעם פאָלק און זיין קול־
טור? וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן די
צייטווייליקע גרילצן אין אָרקעסטער, אַז
דער אָרקעסטער שפּילט פאָרט אויס אַ
נייע, נאָך נישט געהערטע, פאַרכאַפּנדיקע
סימפאָניע? די נייע סימפאָניע איז געווען
די ברייט פאַרמאָסטענע און וואַקסנדיקע
יידישע קולטור־בוינג אין וועלכער ס'־
האָבן זיך מיט לייב און לעבן אַריינגע־
וואָרפן יידישע לערערס, שרייבערס, ווי־
סנשאַפטלערס, פאָרשערס און קולטור־
טוערס. מיט לייב און לעבן האָבן זיי זיך
אָפּגעגעבן דעם פונאַנדערבוי פון אַ נעץ
שולן, ביבליאָטעקן, טעאַטער, פאָרש־
אַנשטאַלטן און אַנדערע קולטור־געביטן.
שוין אין יאָר 1926, ווי עס גיט איבער
די מחברין, האָבן 53 פּראָצענט יידישע
קינדער פון אוקראַינע געלערנט אין יידי־
שע שולן און אין ווייס־רוסלאַנד האָט אין
יענעם יאָר דאָס יידישע שול־וועזן אַריינ־
גענומען 64% פון די יידישע קינדער.
אויף אַ סך צענדליקער פאַך־שולן איז די
אונטעררייכטס־שפּראַך געווען יידיש. אין
די יאָרן 1933־34 האָבן אין לאַנד פונק־
ציאָנירט 18 יידישע טעאַטערן — אַלע
מלוכישע — בראש מיטן מאָסקווער יידישן
מלוכה־טעאַטער אונטער מיכאָעלס אָנפי־
רונג. פינף מלוכישע טעאַטער־סטודיעס
האָבן געשולט יידישע אַקטיאָרן און רע־

ושיסאָרן פאַר דער יידישער בינע. הייַנט די אויסשפּרייטונג פון דער יידישער פּרעסע איבערן גאַנצן לאַנד. הייַנט דער פאַנאַנדערוווקס פון אייַנציקן אין זיין מין יידישן אינסטיטוט אין קיעוו מיט זייַנע פּיל אָפּטיילונגען פאַר פאָרשן און לערנען און מיט די פּיל צענדליקער וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטערס צווישן וועלכע ס'האָט זיךאויך געפונען אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן.

יאָ, מ'האָט געבודקט ס'זאָל זיך אַמאָל נישט אַרייַנכאַפּן קיין „נאַציאָנאַליסטישער" פּסול, אָבער דער נייַער אויפבלי, דער שווונג האָט אָנגעשטעקט מיט ענטוזיאַזם און גלויבן און יידישע שעפערישע מענטשן האָבן מיט אַלע כוחות געלייגט אַ ציגל צו אַ ציגל צום נייַעם יידישן קולטור בנין. יאָ, ס'האָט דאָ און דאָרט געגרילצט עפּעס אינעם געבוי, אָבער אַנדערש בויען האָט מען נישט געקאָנט, זאָגט די מחברין.

דער אומפּאַרטייאישער מאַקס עריק, דער אומדערמידלעכער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער און בויער פון אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור, דער פאָרשער און פּראָפעסאָר האָט געיובלט ווען אין אינסטיטוט איז געשאַפן געוואָרן אַן אַספּיראַנטור פאַר יונגע יידישע שרייבערס. „גיט נאָר אַ טראַכט — האָט ער געזאָגט — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק נעמט זיך אונטער אַ מלוכה אויף איר אייגענעם חשבון צו העכערן די נאַציאָנאַלע קוואַליטעט פון דער יידישער ליטעראַטור. זאָגט וואָס איר ווילט, אָבער דאָס איז מעגלעך בלויז און נאָר אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד." און מאַקס עריק, וועלכער איז געקומען פון אַ יידישן קולטור־צענטער אין פּוילן, פון ווילנע, האָט ערשט דאָ צעשפּרייט זייַנע שעפערישע פליגלען, נישט גערוט טאָג און נאַכט, ווי מיר דערוויסן זיך דאָס פון „אויף וועגן און אומוועגן". האָט ער געקאָנט זיך פאָרשטעלן אַז אַלץ וואָס ער בויט וועט אָפּגעמעקט ווערן? האָט ער געקאָנט אַנען, אַז מ'וועט אַלץ אומברענגען צוזאַמען מיט אים? און אפשר... אפשר האָט מען געדאַרפט פילן אַז מ'בויט אויף זאַמד...

דער געשיכטע פון אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור אין קיעוו, וואָס איז געווען דאָס שיינדל פון דער קולטור־בויונג, גיט די מחברין אָפּ פיל אָרט. מיר זעען אים אין אַלע פאַזן פון פאַנאַנדערבלי — און אויך שפּעטער אין זיין פאַרניכטונג. אַרום אים האָבן זיך גרופּירט די צומיינסטן גייסטרייכע יידישע פערזענלעכקייטן, ווי מאיר ווינער, פּראָ. ליבערבערג, נחום ספּיוואַק און פיל אַנדערע. נישט איינעם פון זיי האָט געשטאָכן דאָס בייזע אויג, וואָס האָט געוואַכט איבער דער קאָמוניסטישער כשרות; דער גרעסטער טייל זייַנען נאָך אין יענע צייטן געווען קאָמוניסטן, אָבער „אייַנצייטיקאויך הייסע יידן", ווי די מחברין שרייבט און ס'איז זיך משער צו זיין, אַז ביי אַזעלכע איז דער ריס אין האַרץ געווען נישט קיין קלענער.

און דאָך... דאָך האָט מען געגלויבט. מען האָט אויך געגלויבט אַז עס עפנט זיך „אַ נייַער צענטער פון סאָציאַליסטישער יידישער קולטור" אין בירָאָ־בידזשאַן. מיט גלויבן און ענטוזיאַזם זייַנען פון אַנהייב געפאָרן פּראָפּ. יוסף ליבערבערג, דער איבערגעגעבענער קולטור־בויער ברוך הובערמאַן און די מחברין פון בוך. און אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן דערציילט ווי דאָס האַרץ איז איר צעגאַנגען פון נחת ווען דער פאָרשטייער פון אוקראַיִנישן צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, ביים איבערגעבן איר די מיסיע צו פאָרן בויען די יידישע קולטור אין בירָאָ־בידזשאַן, האָט גערעדט צו איר בזה הלשון: „סוף כל סוף האָט געשלאָגן די שעה אַז דיין יידיש פאָלק זאָל נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות זיך אויסבויען אַן אייגענע היים"...

כמעט אין דער זעלבער צייט ווען מ'האָט אַוועקגעשיקט די אָנפירנדיקע פערזאָנען קיין בירָאָ־בידזשאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די באַגרעניצונגען, דערנאָך דאָס אַרייַנשטופּן אין אַ סדום־בעטל דעם אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור. אין גיכן האָט מען אָנגעהויבן אַלץ אונטערצוגראָבן. דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן פריער ווי מען שטעלט זיך פאָר. אין אַפּריל 1936 ווערט פּלוצלינג אַרעסטירט מאַקס עריק צוזאַמען מיט דריי אָנפירערס פון אינסטיטוט (גרשון גאָראָכאָוו, מיכאל לעוויטאַן און יונה כינטשין). ס'האָט ניט לאַנג גענומען און עס ווערן אויך אַרעסטירט די שליחים קיין בירָאָ־בידזשאַן, פּראָפעסאָרן ליבערבערג און הובערמאַן. מאַקס עריק

וויל נישט וואַרטן אויפן תליין און שנײַדט זיך איבער די אָדערן פון ביידע הענט. אַן אָפּגעראַטעוועטער מאַטערט ער זיך נאָך ביזן יאָר 1937. דער טויט איז געקומען אין עלטער פון נישט קיין גאַנצע 39 יאָר. די אַנדערע זענען אומגעקומען פון אַ קויל אין קאָפּ.

צו די קרבנות פון די תפיסות און לאַגערן פון יענעם פעריאָד איז אין אָנהייב מלחמה צוגעקומען דער בלוטיקער שניט אויפן פראָנט. ווי באַקאַנט זיינען דעמאָלט געפאַלן פערציק יידישע שרייבערס. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז נאָך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן, שטרייכט אונטער די מחברים. אָט האָט זיך דער פאָרשער און שרייבער מאיר ווינער אַנגאַזשירט אין עלטער פון 48 יאָר, אַן העכערע עלטער ווי ס'האָט געפאָדערט מאָביליזאַציע דעקרעט. טראָץ דעם וואָס ער איז כלל נישט צוגעגרייט געווען צו מיליטער, האָט מען אים גלייך געשיקט אויפן פראָנט. מיט אים צוזאַמען איז געפאַלן פראָפ. אהרון גורשטיין, וועלכער איז באַקאַנט געווען פון זיין שוואַכן פיזישן צושטאַנד; מ'האָט אָנגעטאָן אין מיליטער־קליידער און געשיקט אויפן פראָנט דעם כמעט בלינדן דיכטער כאַטשעוואַצקי, דעם 51־יאָריקן ראַסין, דעם 48־יאָריקן גאָדינער און אַנדערע ניט־צוגעגרייטע צו מיליטער יידישע שעפערס, בעת נישט יידישע שרייבערס זיינען געשיצט געווען פון ליטעראַטן־פאַריין נישט אויסגעשטעלט צו זיין אויף אַ סכנה. מיט רעכט שטרייכט אונטער די מחברים אַז ס'האָט געשטעקט דערביי אַ בייזע האַנט און אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד איז נאָך פאַרהוילן.

* * *

פאַראַלעל צום בלוטיקן פאָגראָם קעגן יידישע שעפערישע מענטשן איז כסדר אָנגעגאַנגען דאָס פאָגראָמירן די יידישע קולטור, פון אומברענגען דאָס יידישע וואָרט. אינעם בוך איז פאַראַן אַ לאַנג קאַפּיטל אונטערן קעפּל: „דער באַבי־יאַר פון יידישן וואָרט". דערשיינט פאַר אונדז אַ טייוולאָניש, שוידערלעך בילד פון אויסראָטונג פון אַלץ וואָס איז געשריבן מיט יידישע אותיות. נאָכן ליקווידירן אין קיעוו אַלע יידישע ביבליאָטעקן, האָט מען זיך צומאָל גענומען צו די איבערזעצונגען פון די יידישע קלאַסיקערס אין רוסיש און אוקראַיניש. טויזנטער יידישע שולביכער פאַר קינדער, לערן־ביכער פאַר סטודענטן האָט מען אַרײַנגעוואָרפן אין די קעלערן פון „גלאַוואָליט". צענדליקער טויזנטער יידישע ביכער האָט מען, ווי פאַרבאָטענע סחורה, אַרײַנגעשטופּט אין פינצטערע קאַמערן, דערנאָך זיי אַרויסגעפירט אין לאַסטוואָגנס. עס זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אַז מ'האָט יידישע ביכער געברענט, נאָר נישט עפנטלעך, ווי דאָס האָבן געטאָן די היטלעריסטן, נאָר אין געהיים. מ'האָט יידישע ביכער איבערגעגעבן אין די גרויסע שפּייז־מאַגאַזינען, וווּ מ'האָט צוליב דוחק אין פּאַפּיר די אַרויסגעריסענע בלעטער גענוצט צום פּאַקן.

אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן גיט אונדז אַן איבערבליק פון די גרויסע וואָרט־אוצרות וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין קיעווער יידישן אינסטיטוט. פּראָפ. יוסף ליבערבערג האָט געהאַט אונטערגענומען צונויפצוזאַמלען יידישע גייסטיקע ווערטן פון אַלע תקופות, פון אַלע וועלט־טיילן און אין אַלע שפּראַכן. אין אַלע שטעט אין שטעטלעך האָבן יידישן מענטשן מיט גרויס מסירת נפש געזאַמלט ביכער, ספרים, מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען פאַרבליבן אויף הפקר די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע און זיי איבערגעשיקט אין אינסטיטוט. אין יאָר 1934 פאַרמאָגט שוין די ביבליאָטעק פון אינסטיטוט אַ פערטל מיליאָן בענדער וועגן יידן און טויזנט ווערטפולע מאַנוסקריפּטן אָנהייבנדיק פון 13טן יאָרהונדערט. די ביבליאָטעק איז געשאַצט געוואָרן פאַר דער צווייטער אין דער וועלט לויט איר ביכער־פאַרמעג וועגן יודאַיק.

ביים אינסטיטוט איז אויך געווען אַ זעלטן רייכער פּרעסע־אַרכיוו. אין די בלי־יאָרן פלעגן אָנקומען פאַרן אַרכיוו צייטונגען און זשורנאַלן פון 40 לענדער, פון אַלע קאָנטינענטן. די רייכע זאַמלונגען פּרעסע, וואָס האָבן פּונקט ווי די ביבליאָטעק צוגעצויגן שעפערישע מענטשן פון גאַנצן לאַנד, האָבן זיך געמערט ביז דעם יאָר 1935, דאָס יאָר ווען מען האָט דערלאָזט צום אינסטיטוט בלויז קאָמוניסטי־

שע פּרעסע פון אויסלאַנד. גאָר אין גיכן האָט מען אויך אַרויפגעלייגט אַ פאַרבאָט אויף אויסלענדישע קאָמוניסטישע פּרעסע. באַלד דערנאָך האָט די נ.ק.וו.ד. אַרויפגעלייגט איר בלוטיקע האַנט אויף די שוין פאַראַנענע זאַמלונגען. ווו דער פּרעסע־אַרכיוו איז אַהינגעקומען ווייסט מען נישט גענוי. דאַקעגן איז באַקאַנט דער גורל וואָס האָט געטראָפן דער רייכער ביבליאָטעק פון אינסטיטוט, פּונקט ווי די אַנדערע יידישע ביבליאָטעקן.

אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן שרייבט, אַז עס זיינען געווען אין פּאַשיסטישער און דריי סאָוועטישע שאַנדאַקטן איבער יידישע וואָרט־אוצרות. דער ערשטער שאַנדאַקט איז פאָרגעקומען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, ווען מ'האָט אומגעבראַכט בתי־מדרשים, חדרים, ישיבות, פאַרשידענע רעליגיעזע און וועלטלעכע אנשטאַלטן און מ'האָט אויסגעפּלינדערט אָדער געלאָזט אויף הפקר זייערע פאַרמעגנס. דער אינסטיטוט אין קיעוו, ווי דערמאָנט, האָט דערנאָך אַ סך וואָרט־פאַרמעגנס באַוויזן צונויפצוזאַמלען.

דער צווייטער באַרבאַרישער אַקט פון פאַרניכטונג האָט זיך אָנגעהויבן אין 1936. אַ סך פון די ביבליאָטעקן און ביכער־זאַמלונגען האָט די נ.ק.וו.ד. פאַרשטעקט אין פינצטערע קאַמערן. בעת דער מלחמה האָבן די דייטשע פאַשיסטן אַנטדעקט אַ טייל פאַרשטעקטע ביכער און זיי אַרויסגעפירט קיין דייטשלאַנד. נאָך דער מלחמה זיינען אַלע פאַרבליבענע יידישע וואָרט־אוצרות אַרויסגעפירט געוואָרן אויף לאַסטוואָגנס, איבערגעדעקטע מיט ברעזענטענע פּלאַכטעס, אין די קאַטאַקאָמבעס פון אַן אַלטער מיטלאַרטערלעכער געביידע און אין די טיפע היילן אויף פּיעטשערסק. אין יענע קאַטאַקאָמבעס און היילן האָבן די סאָוועטישע רעגירער אַריינגעוואָרפן אויף שטענדיק ריזיקע אוצרות פון יידישער וואָרט־שאַפונג. בעתן און נאָך דעם 20טן קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין 1956, האָבן יידן אין סאָוועטרוסלאַנד געהאָפט, אַז ס'וועט אַ סוף נעמען צום דאָזיקן באַרבאַריזם, אַז ס'וועלן קומען אויך ענדערונגען אין באַצוג צו יידן. מ'האָט זיך גיך אַרומגעזען, באַמערקט די מחברים, אַז די אָנגעזאָגטע ענדערונגען האָבן נישט קיין שייכות צו יידן.

* * *

מען פאַרמאַכט דאָס בוך און מען קאָן זיך פון דעם נישט אָפּרייסן. פאַר אונדזערע אויגן הייבן ווידער אָן דורכשוועבן צענדליקער יידישע גייסטמענטשן, שעפערס אין זייער מיפולן דראַנג צו שאַפן און בויען און אין זייער אַכזריותדיקער פאַרניכטונג. אין אונדזער דמיון שטייגט ווידער אויף דער טיטולאַנישער מעכאַניזם, וואָס האָט סיסטעמאַטיש צעריבן, צעמאַלן יידישע קולטור־אוצרות און באַרויבט דאָס יידישע פאָלק פון זיינע גייסטיקע פאַרמעגנס, פון זיינע גייסטמענטשן. מיט וואָסער ציל? צי נישט דערפאַר ווייל דאָס גייסטיקע און קולטורעלע איז ביי אַ פאָלק זיין רוקנביין און בילדעט זיין שטאַנדהאַפטיקייט? צי נישט דערפאַר ווייל מ'האָט געוואָלט צעברעכן ביים יידישן פאָלק דעם רוקנביין און אויסהוילן אים פון יעטוועדער שטאַנדהאַפטיקייט?

נאָך מוראדיקער און רישעותדיקער דערשיינט דאָס געשילדערטע דורך אסתר ראָזענטאַל־שניידערמאַן, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אין יענע צייטן פון דער צווייטער העלפט דרייסיקער יאָרן האָט דער נאַציזם אין דייטשלאַנד זיך געגרייט און אָפן אָנגעזאָגט די פאַרניכטונג פון יידישן פאָלק און אַז די צווייטע פאַזע פון אומברענגען אין סאָוועט־רוסלאַנד יידישע שעפערישע מענטשן און יידישע גייסטיקע אוצרות איז שוין פאָרגעקומען אין די יאָרן נאָכן גרויסן חורבן, וואָס די היטלעריסטן האָבן געבראַכט אויפן יידישן פאָלק. איז ווי זאָל מען נישט ציען קיין פאַראַלעל?

## וועגן רעצענזיעס

שרייבערס און פאַרלעגערס וואָס וואָלטן געוואָלט אַז זייערע ביכער זאָלן רעצענזירט ווערן אין „חשבון", דאַרפן אַריינשיקן זייערע ביכער צו דער רעדאַקציע פון „חשבון".